# פרשת בא

## חלק משיחת י"ט כסלו ה'תשל"ב

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

שטייט אויף דערויף אין מדרש, אין אגדה, בכמה מקומות, אז "שקר החן והבל היופי"[1], גייט דאס אויף "דורו של משה" און "דורו של יהושע", און דערנאך נאך א דעה, אויף "דורו של חזקיהו מלך יהודה",

און "אשה יראת ה' היא תתהלל", איז דאס איז דורו פון רבי יהודה בן אלעאי אין דורו פון ש' מ' ד' איז דעמאלסט איז געווען "מתעטפים ששה בטלית אחד ולומדים תורה"[2], אדער ווי ער זאגט, דער דור פון גזירת פון היפך החיים.

און דער מדרש איז מסביר, וואס איז די נקודה משותפה, אז דאס מיינט מען "לימוד התורה", און דער לימוד התורה איז דא, וואס ער איז אין א אופן וואס ווערט אנגערופן בשם "חן",

דערנאך איז דא א אופן אין לימוד התורה וואס ס'ווערט אנגערופן בשם "יופי",

און דערנאך איז דא א אופן פון לימוד התורה, וואס דאס ווערט אנגערופן מצד "יראת ה'", און אויף דערויף זאגט מען, אז דאס ווערט אנגערופן שקר און הבל, און דאס איז א ענין של "תתהלל", וואס לכאורה ווי אזוי קען מען זאגן – "לימוד התורה בימי משה", וואס "משה קבל תורה מסיני", וכל דורו ווערן אנגערופן בשם "דור דעה".

שטייט אויף דערויף דער ביאור, אז דער פסוק אליין זאגט דעם טעם, פארוואס ווערט דאס אנגערופן שקר, און דאס ווערט אנגערופן הבל – פארוואס איז דאס שקר, דערפאר וואס דאס איז "חן", ער לערנט תורה איז אין דערויף דא דער ענין פון "חן" – "מצאתי חן לפניך",

אין "דורו של משה" איז געווען דער לימוד התורה באופן נפלא ביותר, ביז וואנענט ווי געזאגט פריער, "לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן"[3], אבער ביי זיי איז ניט געווען א פעולת האדם ווארום ביי זיי איז געווען דער לימוד התורה, מיט א מורא'דיקע פארקאכטקייט, מיט א מורא'דיקע הצלחה, דערפאר וואס עס איז געווען "חן" בדבר, דער "חן בעיני ה'" איז דערפאר איז "מצאתי חן בעיניך", איז וואלט געווען א פלא ווען עס וואלט ניט געווען אזא מין לימוד התורה.

---

1) משלי לא, ל.

2) סנהדרין כ, א. ילקוט-שמעוני שמואל א רמז קלו.

3) מכילתא עה"פ בשלח טז, ד.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בא

ווי אזוי קען מען וויסן אז ביי א מענטשן איז דאס אויך געווארן אן "אמת", אז סיי זיין ראשון און סיי זיין אחרון – סיי זיין קאפ סיי זיין הארץ, און סיי זיינע פיס, איז דאס א מציאות של תורה, קען מען ניט וויסן ווען ער לערנט תורה אין א מעמד ומצב ווי דאס איז געווען "חן" "בדורו של משה", דערפאר וואס דעמאלט דארף ער ניט אנקומען צו נייטן – די קאפ זיינע, וואס דאס איז דער "מנהיג כל הגוף כולו", פירט ער אז מ'מוז קאכן זיך אין תורה, מען מוז זיין א מציאות פון תורה.

ועל-דרך-זה ווי דער צווייטער אפטייטש אין מדרש, "דורו של חזקיהו מלך יהודה" איז געווען לימוד התורה בהפלגה גדולה, ווי ער זאגט אין סנהדרין אז "שלחו ובדקו", און מ'האט ניט געפונען קיין תינוק ותינוקת וואס זיינען ניט געווען בקי בהלכות טומאה וטהרה.

איז זאגן אז דאס איז "תתהלל", קען מען ניט זאגן. מ'קען אפילו ניט זאגן ווי גערעדט אז דאס איז א ענין פון "אמת", דערפאר וואס מיר ווייסן דאס ניט, מ'האט עם ניט אויסגעפראווט – כל זמן מ'האט ניט אויסגעפראווט ווייסט מען ניט ווי דאס וועט אויסזען.

דערנאך זאגט מען אבער אז עס איז געווען א מעמד ומצב פון "אשה יראת ה'" – ער האט ניט קיין הסברה, ער זעט ניט רחמנא-לצלן קיין אלקות, "אבותינו ספרו לנו" אבער "אותותינו לא ראינו", ער איז געבארן געווארן אין דער און דער מדינה, זיין פאטער איז דארט אויסגעוואקסן, קיין מאל ניט געזען קיין חיים של תורה בגלוי, קיינמאל ניט געזען א ענין של תורה ומצות וואס זאל ניט זיין פארבונדן מיט רדיפות, און ניטא קיין מוצא קיין חשבון בדרך הטבע, אז מ'זאל אמאל דערפון באפרייט ווערן, ווי ס'איז געווען דער מעמד ומצב, מיט פינף יאר צוריק, ועל-אחת-כמה-וכמה מיט פופצן יאר צוריק, מיט צוואנציג יאר צוריק, און מיט א יובל שנים לפני זה, וואס דאס איז א ענין "לעולם – לעולמו של יובל"; העכער פופציג יאר איז געווען אזא מין מעמד ומצב.

וכאמור עס איז ניט געווען קיין מוצא, קיין חשבון על פי קדושה, אז עס זאל זיין א אויסזיכט אז מ'זאל דערפון קענען באפרייט ווערן,

האט מען געפרעגט, פארוואס, דו זעסט "חן" "אותותינו לא ראינו"[4], ער מוז זאגן דעם אמת, ער זעט ניט. ער גייט ארויס אין גאס, זעט ער אן "אויב ומתנקם"[5], גייט ער אריין צו זיך אין הויז, דארף ער זיך אויסהיטן דערפאר וואס אפשר הערט מען אונטער דער וואנט, צו אונטער דער פענסטער, און ער ווייס ניט

---

4) תהלים עד, ט.

5) תהלים ח', ג.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בא

דער וואס גייט צו עם אריין, צי מארגן "אלמלא נגדוהו"[6], וועט ער ניט קענעןביישטיין דעם נסיון; ביז וואנענט אז ער דארף זיך היטן פון די וואס לעבן מיט אים תחת קורת גג אחד, ווארום ווי די גמרא זאגט, אז "אלמלא נגדוהו", אפילו "חנניה מישאל ועזריה", ווייסט מען אויך ניט – די גמרא זאגט מ׳ווייס יא – וואס דעמאלט וואלט געווען.

ענטפערט ער אז קיין חשבון האט ער ניט, קיין "חן" זעט ער ניט, "יופי" זעט ער ניט, קיין שכר בעולם הזה זעט ער ניט, ער זעט ניט קיין שכר רחמנא-לצלן בעולם הבא אויך ניט, ווארום ער לערנט תורה, מערניט אין די שעה "שאינה לא יום ולא לילה", ווארום אויב ניט וועט מען עם כאפן און צונעמען ביי עם דעם קינד, אדער דעם קינד פארשיקן וכולהו וכולהו ער לערנט תורה! ס׳איז ניטא קיין ספר, עס איז ניטא קיין מלמד, ניטא קיין ישיבה, עס איז ניטא קיינע ענינים, במילא פארשטייט ער דאך וואס פאר א תורה דאס איז.

זאל ער זאגן, אז דאס איז א תורה וואס זי איז א תורה **יפה** וכולהו, ער מוז זאגן דעם אמת, ער זעט אין דערויף ניט קיין "יופי", פרעגט מען ביי עם אויב דו זעסט אין דערויף ניט קיין "יופי", ער זעט אין דערויף ניט קיין "חן" איז צוליב וואס ביזטו זיך מוסר נפש? זאגט ער: אז קיין טעם ווייס ער ניט, עס איז קיין טעם אבער ניט נוגע אויך, "את האלקים אני ירא"[7], ער האט "יראת ה׳"!

אף-על-פי-כן זאגט מען אז דאס איז ניט נאר א לימוד וואס דאס איז דער אמת׳ער לימוד, נאר מ׳זאגט א גרעסערע זאך – אז אט די וואס שטייען ארום עם, האלטן עם אין איין לויבן.

כביכול דער תיקון און שלימות פון לימוד התורה אין "דורו של משה" און דער לימוד התורה "בדורו של יהושע" ווען ווערט זייער שלימות – אזוי קען דאס זיין אין א אופן פון "שקר החן", אזוי קען דאס זיין אין א אופן פון "הבל היופי", בשעת עס קומט צו גיין א דור וואס איז במצור ושביה און עס איז געבליבן מערניט ווי "יראת ה׳", ווארום יופי פון תורה – ניט ער זעט א ישיבה ניט ער זעט א ראש ישיבה, ניט ער זעט א ספר, ניט מ׳קלאפט אים אויף א פלייצע און מ׳זאגט אים, האסט מצליח געווען אין לערנען, האסט געפרעגט א גוטע קשיא, געענטפערט א גוטער תירוץ, דעמאלט זעט מען אז ער איז "אשה יראת ה׳" – ער לערנט תורה ניט קוקנדיק אויף די אלע ענינים, אט דאס ברענגט אריין דעם **חיזוק** און דעם "תתהלל" – אין דעם לימוד התורה פון "חזקיהו מלך יהודה", לימוד התורה פון "דורו של יהושע", און די שלימות אפילו אין לימוד התורה פון "דורו של משה".

——— • ———

6) כתובות דף לג, רע"ב.

7) בראשית מב, יח.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.